**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/23/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער דעם "LLC אפנקייט געזעץ"

***ביל S.995B/A.3484 שטעלט אוועק אן LLC אייגנטומערשאפט דאטא-בעיס פאר רעגירונג און געזעץ אינפארסירונג באנוץ***

***גאווערנער האט פארזיכערט א פשרה צו שטרענג באהאנדלען אומגעזעצליכע אויפפירונג בשעת'ן היטן איוף פריוואטקייט***

גאווערנער האקול האט היינט אונטערגעשריבן דעם "LLC אפנקייט געזעץ" ( LLC Transparency Act), וואס וועט אוועקשטעלן א דאטא-בעיס פון די 'בענעפיטירנדע' (בענעפישעל) אייגנטימער פון 'לימיטעד לייעביליטי קארפארעישענס' (Limited Liability Corporation, LLC) וואס וועט זיין צוגענגליך פאר רעגירונג אגענטורן און געזעץ אינפארסירונג. די גאווערנער האט פארזיכערט א פשרה אפמאך מיט די לעגיסלאטור וואס וועט ערלויבן מיטגלידער פון געזעץ אינפארסירונג און רעגולאטארישע אויטאריטעטן צו אויפדעקן שלעכטע אויפפירונג, בשעת'ן אדרעסירן לעגיטימע פריוואטקייט זארגן.

"פאר צו לאנג זענען בייזוויליגע עלעמענטן געווען באשיצט דורך די לויזע פאדערונגען פאר אינפארמאציע ארויסגעבונג פון LLC אייגנטימער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "געהאלט גניבות, וואשן געלט, שלעכטע באהאנדלונג פון טענאנטס און אנדערע אומגעזעצליכע אקטיוויטעטן זענען פארמאסקירט געווען דורך די 'פארוואלקנטע' אייגנטומערשאפט סטרוקטור פון אן LLC. דער נייער LLC אפנקייט געזעץ וועט גיבן פאר געזעץ אינפארסירונג און סטעיט רעגולאטארן די כלים וואס זיי דארפן צו האלטן בייזוויליגע עלעמענטן פאראנטווארטליך."

ביל S.995B/A.3484 שטעלט אוועק אן LLC בענעפיטירנדע אייגנטימער דאטא-בעיס וואס גיבט צוטריט פאר פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעגירונג געזעץ אינפארסירונג אריבער ניו יארק סטעיט. די ביל גיבט פאר די קערפערשאפטן די כלים צו זיך קענען אפגעבן מיט קרימינאלע אקטיוויטעטן וועלכע זענען ביז יעצט פארגעקומען הונטער א באהאלטנדע פירהאנג. מענטשן וועלכע שטעלן איוף – אדער וועלכע זענען שוין אייגנטימער פון – LLC'ס און קומען נאך די פאדערונגען צו דארפן ארויסגעבן אינפארמאציע וועלן געפאדערט ווערן צו ארויפשרייבן די נעמען פון די בענעפיטירנדע אייגנטימער אין די אריינגעגעבענע פאפירן.

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "איך בין פרייליך אז גאווערנער האקול שרייבט אונטער אונזער LLC אפנקייט געזעץ צו גיבן פאר געזעץ אינפארסירונג און רעגירונג אגענטורן די אינפארמאציע איבער די בענעפיטירנדע אייגנטימער פון לימיטעד לייעביליטי קארפארעישענס וואס איז ביז יעצט געווען כמעט אוממעגליך צו באקומען. כדי זיך צו שטרענג אפגעבן מיט שטייער פעלשערייען, שלעכטע לענדלארדס און ארבעטסגעבער וועלכע באגיין געהאלט גניבות אין ניו יארק, איז די אינפארמאציע קריטיש פאר רעגולאטארן און פראקורירער. איך בין דאנקבאר פאר מאיאריטעט פירערין

סטוּערט-קאַזינס, אַטוירני דזשענעראַל דזשעימס, דיסטריקט אַטוירני ברעג, רעגירונג נאָכפאָלגונג גרופּעס, אָרגאַניזירטע לעיבאָר און פאַר מיין אַסעמבלי קאָלעגין עמילי גאַלאַגער פאַרן אונז העלפן אַריבערברענגען די ביל ביזן ענדע."

**אַסעמבלי מיטגלידערין עמילי גאַלאַגער האָט געזאָגט,** "מיט די היינטיגע אונטערשרייבונג, שטייט ניו יאָרק יעצט אין שפּיץ פונעם לאַנד מיטן זיך אָפּגעבן מיט די אויפשטייג פון געהיימע 'הוילע פירמעס' (פירמעס פאַר באַהאַלטענע צוועקן) וואָס אַביוּזן טענאַנטס און אַרבייטער און נאַרן אָפּ ביזנעסער און די רעגירונג. איך האָב צוגעזעהן פון די נאָענט די האַרץ ווייטאָג און שאָדן וואָס זענען אָנגעברענגט געוואָרן דורך אַנאָנימע LLC'ס אין מיין דיסטריקט. דער היינטיגער טאָג צייכנט אָפּ די ערשטע טריט צו ברענגען אַן ענדע צו דאָס אויסמיידן שטראָפן. איך באַדאַנק גאַווערנער האָקול, סענאַטאָר האָילמען סיגעל און מיינע אַסעמבלי קאָלעגן פאַרן אונז אַריבערברענגען ביזן ענדע, און איך פאַרשפּרעך צו פאַרזעצן צו קעמפן פאַר אָפנקייט."

###

נאָך נייעס קען מען באַקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יאָרק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באַקומען די לעצטע נייעס פון די גאָווערנער'ס אָפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך אַרויסשרייבן